# אין פאַבריק

אַלטע טאָג־טעגלעכע רייד,
רייד — צו זיך אין דערשטיל.
ביז וואָרט אין אַ שווייגן פאַרגייט —
אויך שווייגן איז מער נישט ווי שפּיל.

איך קוק זיך אַרום און איך זע:
פון יעדער באַזונדערער זאַך
קוואַלט אַזאַ שטומקייט אַרויס,
וואָס ווייזט אויף אַן אייגענער שפּראַך.

בויג איך זיך איין און דערצייל
דעם אייזערנעם קאָפּ פון מאַשין:
אויך איך בין נישט מער ווי אַ זאַך
ווייס איך, אַן אַנדערער מין.

איך איבער מיר זילבערט דער שטויב,
אַרום מיר — אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.
אַ ליכטיקער שטראַל דורך דער שויב
שטרעקט צו מיר וואָרעם אַ האַנט.

גלעט מיין פאַרשטויביקטן קאָפּ
ביים אייזערנעם קאָפּ פון מאַשין —
אויך איך בין נישט מער ווי אַ זאַך
ווייס איך, אַן אַנדערער מין.